**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/03/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול גיבט א באריכט פאר ניו יארקער איבער לאנג איילענד רעיל ראָוד סערוויס נאך עקסידענט נעבן דזשעמעיקע סטאנציע**

***העמפסטעד ברענטש באנען אין מזרח-ריכטונג לאזן אויס האליס און קווינס ווילעדזש***

***ניו יארק סיטי טראנזיט באסעס וועלן אננעמען LIRR טיקעטס אויף די Q2, Q3, Q8 און Q110 באסעס פאר רייזעס צווישן דזשעמעיקע און קווינס ווילעדזש***

***פאסאנזשירן זאלן ערווארטן ענדערונגען צו די באנען ביי דזשעמעיקע און מעגליכע פארשפעטיגונגען, קוקט אויף MTA's TrainTime עפּ און אויף MTA.info פאר לעצטע אפדעיטס איבער סערוויס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט איבערגעגעבן א באריכט פאר ניו יארקער איבער לאנג איילענד רעיל ראָוד סערוויס נאכפאלגנדיג די באן עקסידענט היינט אינדערפרי מזרח פון דזשעמעיקע סטאנציע. מאנשאפטן האבן זיך באלדיגערהייט אפגערופן צו די אינצידענט, און קיין שום קריטיש פארוואונדעטע זענען נישט באריכטעט געווארן.

"נאכפאלגנדיג די עקסידענט היינט אינדערפרי, האב איך פאראָרדנט די MTA און אנדערע סטעיט איינגעשטעלטע צו טוהן וואס אימער מעגליך צו שטיצן באטראפענע פאסאנזשירן און שנעלערהייט צוריקשטעלן פולע סערוויס", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין דאנקבאר פאר די MTA מאנשאפט ארבייטער און ערשטע הילף מאנשאפטן וועלכע האבן שנעלערהייט רעאגירט צו די אינצידענט."

פאסאנזשירן זאלן ערווארטן ענדערונגען צו די באנען ביי דזשעמעיקע און מעגליכע פארשפעטיגונגען ביז מארגן מיטאג. העמפסטעד ברענטש באנען אין מזרח-ריכטונג לאזן אויס האליס און קווינס ווילעדזש. ניו יארק סיטי טראנזיט נעמט אן טיקעטס פאר די Q2, Q3, Q8 און Q110 באסעס פאר רייזעס צווישן דזשעמעיקע און קווינס ווילעדזש. פאסאנזשירן ווערן גע'עצה'ט צו קוקן אויף די TrainTime עפּ און אויף [mta.info](mta.info) פאר די לעצטע אַפּדעיטס איבער סערוויס.

באן 722 וואס האט זיך ארויסגעלאזט פון גרענד צענטראל צו העמפסטעד איז געווען פארמישט אין אן עקסידענט דורכאויס וועלכע אכט וואגאנען זענען אראפ פון די רעלסן אומגעפער 11:12 פארמיטאג. אומגעפער 100 פאסאנזשירן זענען געווען אויפן באן, און זיי זענען שנעלערהייט געהאלפן געווארן דורך לאנג איילענד רעיל ראָוד מאנשאפטן וועלכע זענען אראפגעקומען סיי פון די הילסייד אויפהאלטונג איינריכטונג און סיי פון דזשעמעיקע, און אזוי אויך די באן מאנשאפט. ווייניגער פון צוויי שעה דערנאך האבן די FDNY און LIRR געברענגט א רעטונג באן צו די פלאץ פון די אינצידענט צו אויפנעמען

פאסאנזשירן און זיי ברענגען צו די קומענדיגע סטאנציע. 13 פארוואונדעטע זענען באשטעטיגט געווארן — קיין איינע פון זיי אין לעבנ'ס סכנה.

מאנשאפטן און עקוויפמענט געפונען זיך יעצט אויפן ארט, ארבעטן צוריקצושטעלן פולע סערוויס. דער פראצעדור רעכנט אריין צו איבערלייגן די רעלסן, פאררעכטן שאדנס צו די אונטערליגנדע ברעטער און פאררעכטן אנדערע אינפראסטרוקטור.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



זיך ארויסשרייבן